OIFN SHVEL

# אויפֿן שוועל

אָרגאַן פֿון דער
פֿרײַלאַנד־ליגע

רעדאַקטאָר 1944 — 1957 י.־נ. שטיינבערג
גרינדער: בן־אַדיר

נומער 1 (211) | יאַנואַר־פֿעברואַר 1973 | מעקסיקע — ניו־יאָרק

## אינהאַלט

— וויִדערוווּקס
י. שטיינבוים — עטלעכע באַמערקונגען צום אַרויסגיין פֿון גרויסן ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך
שמעון קאַנץ — אַ שטראַלנדיק ליכט איז פֿאַרלאָשן געוואָרן
יעקב פֿרידמאַן — צוויי לידער
ב. דעמבלין — אויף דאַטשע
י. נ. שטיינבערג — מסירת־נפֿש אין טאָטמאַניע
איש יאיר — צוויי לידער
— נאָטיצן: לייענערס האָבן דאָס וואָרט
— אָנגעקומען אין רעדאַקציע
— אין דער פֿרײַלאַנד־ליגע: די ליבע קיילע מינקין — אַ בת־שמונים

## ווידערוווקס

די קשיא פֿון אַלע קשיות: צי בלײַבט ייִדישוועלט אָן אמתע יורשים?

אין פֿלוג ווײַזן אַלע סימנים דערויף — ס'איז ניט כּדאַי די פֿינצטערע סימפּטאָמען דאָ אויסצורעכענען. זיי זענען צו גוט באַקאַנט.

צי איז דאָ מיט וואָס זיך צו טרייסטן? מאַין יבֿוא עזרי? צי זעען זיך אינעם שוואַרץ־חושך ערגעץ ווו ליכטיקע שטראַלן? כאָטש שטראַלכלעך? אונדזער ענפֿער איז אַ קלאָרער יאָ. אַוודאַי ווערט מען אָפֿט די טרייסטווערטער „יוגנטרוף“, „ייִדיש אין די אוניווערסיטעטן“ אאַז״וו. פֿונדעסטוועגן, וואָס מיינט עס קאָנקרעט? איז אפֿשר כּדאַי צו באַקענען דעם לייענער מיט יחידים. אַ בוים, צי צוואָנציק צי הונדערט קאָנקרעטע, אידענטיפֿיצירלעכע ביימער איז דאָך אַ מאָל פּסיכאָלאָגיש אַ גרעסער ממשות ווי דער כּוללדיקער, אַבסטראַקטער — וואַלד.

דער ייִדיש־לייענער קען שוין די נעמען און די האָפֿענונגען וואָס בינדן זיך מיט אַזוינע יונגע חבֿרים ווי (לויטן אַ״ב): י. אָרענשטיין (איצט אַסאָציִירטער פּראָפֿעסאָר פֿון ייִדישע לימודים אין מעגיל־אוניווערסיטעט, מאָנטרעאָל; געוועזענער שעף־רעדאַקטאָר פֿון יוגנט־רוף); ד״ר ל. גאָלד (לערער פֿון ייִדיש אין דער זומער־פּראָגראַם א״נ אוריאל ווײַנרײַך; סטיל־רעדאַקטאָר פֿון יוגנטרוף); זלמן מלאָטעק (זײַנע מוזיק־פֿעיִקייטן זײַנען אַ שם־דבֿר); ראָכמיִעל צוקערמאַן (לע־רער פֿון ייִדיש, ברוקלין־קאָלעדוש); דוד־הירש ראָסקעס (לערער פֿון ייִדישער ליטעראַטור אין דער אוריאל ווײַנרײַך־פּראָגראַם: מיט־גרינדער און געוועזענער שעף־רעדאַקטאָר פֿון יוגנטרוף). דעם שרײַבער פֿון די שורות איז שוין עטלעכע מאָל בײַ פֿאַרשיידענע געלעגנ־הייטן אויסגעקומען וועגן זיי צו שרײַבן אָדער רעדן פֿון אַן עפֿנט־לעכער טריבונע. לאָמיר דעם לייענער הײַנטיקס מאָל באַקענען מיט אַנדערע סטודענטן און לערערס, וואָס פֿון זיי קענען מיר שוין שעפּן נחת.

אַן אינטערעסאַנטער טיפּ איז דבֿ לוי פֿון דענווער, קאָלאָראַדאָ. ערשטנס איז ער אַ ייִדישער ערדאַרבעטער — וויפֿל יונגע עובֿדי־אדמה האָבן מיר? די קינדער פֿון די ייִדישע קאָלאָניסטן אין אַר־גענטינע און פֿון די ייִדישע פֿאַרמערס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע ציט דאָך אין שטאָט אַרײַן און דאָ פֿאַרבײַט אַ מענטש זײַן שטאָטישע מלאָכה אויף ערדאַרבעט! צווייטנס איז ער אַ ליובאַ־וויטשער חסיד און לערנט גמרא בײַ אַ ליובאַוויטשער רבין. דריטנס איז ער אַ ייִדישיסט, געקומען פֿון קאָלאָראַדאָ קיין ניו־יאָרק זיך לערנען ייִדיש אין דער אוריאל ווײַנרײַך־פּראָגראַם, איז געוואָרן אַקטיוו אין יוגנטרוף, געוואָרן אַ לערער פֿון ייִדיש אין דענווער. אַ כּלל, אַן אומגעוויינטלעכער יונגער־מאַן מיט אומגעוויינטלעכער כאַראַקטער־שטאַרקייט. און אויב די וועלט האָט אַ קיום אין זכות פֿון די למד־וואָוו, האָט די ייִדישע וועלט אַ קיום אין זכות פֿון די מענטשן מיט כאַראַקטער־שטאַרקייט, וואָס זייער צאָל איז דאָך אַזאַ קליינע...

אַברהם לענעהען איז דער זון פֿון אַ געמישט פּאָרפֿאָלק: דער טאַטע אַן אירלענדער, די מאַמע אַ ייִדיש־קינד, אָבער ייִדיש־נייטראַל. מיט צוויי יאָר צוריק האָט אָבער אַברהם זיך אָנגעצונדן מיט אַ ייִדיש־רעליגיעזן ברען, אַוועק זיך לערנען אין ישיבֿה־אוניווערסיטעט און אויך גענומען לערנען ייִדיש פֿאַר זיך, מיט אַזוינע מכשירים ווי דאָס הײַנט טאָטאַל פֿאַרעלטערטע ווערטביכל האַרקאַוויס פֿון 1898 און דעם פֿאָרוועטס. איצט איז שוין אַברהם אַ סטודענט אין אַ רעגולערן ייִדיש־קלאַס און טאַקע — דער בעסטער תּלמיד דאָרטן. ער פּרוּווט שוין אַפֿילו שרײַבן ייִדישע לידער אויף רעליגיעזע טעמעס.

שימקע לעווין פֿון סטענפֿאָרד־אוניווערסיטעט (קאַליפֿאָרניע) קומט פֿון אַן אַסימילירטער סבֿיבֿה; אין זײַן משפּחה איז שוין ניטאָ קיין

יידיש־רעדער! זײַן איז ער אַ ספּעציאַליסט אין פֿראַנצייזישער ליטעראַטור — אַן אידעאַל פֿעלד זיך נאָך ווײַטער אָפּצופֿרעמדן, אויב אַזוינס וואָלט מיגלעך געווען. אַ קאָמבינאַציע פֿאַקטאָרן האָט אָבער פּועל־יוצא געווען, אַז שימקע זאָל זיך פֿאַראינטערעסירן און דערנאָך פֿאַרליבן אין יידיש. אַן אינספּיראַציע איז געווען דער גראַנגל פֿאַרן קיום וואָס אָקציטאַניש („פּראָוואַנסאַליש") פֿירט. פּנים־אל־פּנים מיטן קאַמף אויף לעבן און טויט וואָס אָקציטאַניש פֿירט מיט דער אַ סך שטאַרקערער פֿראַנצייזישער שפּראַך, האָט שימקע דערפֿילט, אַז אויך ער איז אין תּוך ניט קיין אַנגלאָסאַקס, אויך ער געהערט צו אַ קליין פֿאָלק. אַ גורם אין דער „יידישיזירונג" זײַנער אויך געווען אַ וויזיט אין רומעניע, וווּ ער האָט זיך מיט די אָרטיקע יידן ניט געקענט צונויפֿרעדן איבער שפּראַכיקע מניעות און אײַנגעזען, אַז דורך יידיש וואָלט ער עס יאָ באַוויזן. אַהיימגעקומען קיין אַמעריקע, איז שימקע אַליין דורכגעגאַן דאָס לערנביכל קאָלעדזש־יידיש. ר'איז צוויי זומערן נאָך אַנאַנד געקומען קיין ניו־יאָרק זיך לערנען אין דער אינטענסיווער זומער־פּראָגראַם א"נ אוריאל ווײַנרײַך, ר'איז געוואָרן אַ יוגנטרוף־אַקטיוויסט, דער הויפּט־פֿאַרשפּרייטער פֿונעם זשורנאַל זייערן און פֿונעם זשעטאָן „רעדט מיט מיר יידיש" אויפֿן אַמעריקאַנער מערבֿ־ברעג, אַ שטענדיקער קומער אויף אַלע יידישע קולטור־אונטערנעמונגען אין סאַן־פֿראַנציסקאָ, אַ לייענער און ליבהאָבער פֿון מאַמע־לשון.

פּראָפֿעסאָר דן מירון האָט דורכגעמאַכט דעם וועג פֿון מוזיק — צו ליטעראַטור־פֿאָרשונג און דערנאָך פֿון העברעיִשער ליטעראַטור־פֿאָרשונג צו יידישער. ער איז פֿון ישׂראל געקומען שטודירן אין קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט, וווּ ער איז בשעתו געווען אוריאל ווײַנרײַכס אַ באַליבטער תּלמיד — מירונס אַ קינד איז טאַקע אַ נאָמען נאָך זײַן אַזוי פֿרי אַוועקגעשטאָרבענעם לערער. מירונס דאָקטאָר־דיסערטאַציע וועגן מענדעלען האָט געמאַכט אַזאַ רושם אויף די פּראָפֿעסאָרן, אַז ער האָט באַקומען אַ „שטענדיקע אָפּערטע" — ווען ער'ט וועלן, קען ער ווערן אַ לערער פֿון ליטעראַטור אין קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט. דן מירון האָט אָבער אָנגענומען אַ שטעלע בײַם תּל־אָבֿיבֿער אוניווערסיטעט און פֿון דאָרט האָט אים דער ייִוואָ־צענטער פֿאַר העכערע יידישע שטודיעס א'נ מאַקס ווײַנרײַך אויסגעליגן אויף עטלעכע יאָר.

וויכטיק איז אָבער נאָך אַ זאַך: כאָטש מירונס משפּחה איז אַ פֿאַרוואָרצלטע אין ארץ־ישׂראל שוין פֿון דורות און כאָטש זײַן לשון־בכל־יום איז עבֿרית, האָט ער צו יידיש ניט די קאַלטבלוטיקע אָדער גאָר אַנטאַגאָניסטישע באַציִונג פֿון אַזאַ סך סאַברעס און אויך ניט קיין טרוקן־קאַלטע, „סאַנסקריטאָלאָגישע" באַציִונג ווי צו סתּם אַן אינטערעסאַנטן פֿאָרשאָביעקט. אַן אינצידענט: ווען אַ תּלמידה האָט זיך געחידושט, למאַי ער רעדט די העברעיִשע נעמען פֿון מענדעלעס ווערק אַרויס ניט אויף דער ספֿרדישער הבֿרה, ווי „סע פּאַסט" פֿאַר אַ ישׂראלי, האָט מירון זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר דער אשכּנזישער הבֿרה. אַ כּלל: אַ אמתער ליבהאָבער פֿון יידיש און יידישער ליטעראַטור.

דוד פֿישמאַן, דער זון פֿון ד"ר שיקל און געלע פֿישמאַן, און אייניקל פֿון אַהרן און סאָניע פֿישמאַן, איז אַ ייִד מיט אַלע זײַנע רמ"ח אבֿרים — צו גאָט און צו לײַט. אַ בחור פֿון 16 יאָר, איז ער שוין אַזוי אַרײַנגעטון סײַ אין טראַדיציאָנעלער יידישקייט, סײַ אין מאָדערנע יידישע אידעאָלאָגיעס, סײַ אין יידישער ליטעראַטור, ווי מיר זענען עס ניט געוווינט בײַ ס'רובֿ הײַנטיקע יונגע־לײַט אַצינד אין ירושלים, פּרווּט ער שאַפֿן אַ בריקל — אָדער כאָטש אַ קלאָטקע — צווישן דעם יונגן דור אין ישׂראל און דער יידיש־וועלט.

ד"ר ברײַנדל קירשבלאַט־גימבלעט איז אַ געבוירטיקע פֿון טאָראָנטאָ, אַ פּראָפֿעסאָר אין אַנטראָפּאָלאָגיע האָט אַרויסגערופֿן איר אינטערעס אין פֿאָלקלאָר בכלל און אין יידישן בפֿרט. האָט זי זיך אַרײַנגעוואָרפֿן מיט לײַב־און־לעבן אין דער פֿאָרשונג פֿון אונדזער פֿאָלקשאַפֿונג. ווער מע קען ברײַנדלען (אַ פּראָפֿעסאָר אין טעקסאַסער אוניווערסיטעט, איצט בײַם ייִוואָ־צענטער פֿאַר העכערע יידישע שטודיעס א"נ מ. ווײַנרײַך) ווייסט, אַז זעלטן ווען איז אויף עמעצן דער עפּיטעט „חסידישער ברען" אַזוי צוגעפּאַסט ווי אויף איר. אַן ערשטראַנגיקע קענערקע און ביז גאָר קוואַליפֿיצירטע פֿאָרשערקע (איר רעפֿעראַט אויפֿן הײַיאָריקן ייִוואָ־באַנקעט האָט בײַ אַלעמען אַרויסגערופֿן התפּעלות), איז זי שוין איצט פֿון די אָנפֿירנדיקע פֿאָלקלאָריסטן בײַ אונדז און זי הייבט דאָך ערשט אָן.

טבֿיה (טאָמאָס אי.) בוירד איז איינער פֿון די אמתע חסידי־אומות־העולם. פֿון פֿאַך אַן אינסטרוקטאָר פֿון רוסישער ליטעראַטור, פּרוּווט ער דורך זײַנע קורסן אין קווינז־קאָלעדזש, דורך זײַנע פֿיל־מאָליקע אַרויסטרעטן אויפֿן ראַדיאָ און טעלעוויזיע שטאַרקן דעם אינטערעס אין די רדיפֿות אויפֿן סאָוועטישן יידן. נאָך אינטערעסאַנטער איז אונדז אָבער זײַן טיפֿע אידענטיפֿיקאַציע מיט יידיש: ער לערנט זיך יידיש, ער קעמפֿט פֿאַר יידיש, ער שטעלט צו אַ פּלייצע אויף אומ־צייליקע אופֿנים: אין דער פֿונדאַציע פֿאַר יידישער שפּראַכקולטור א"נ בנימין שעכטער, אין יוגנטרוף אאַז"וו. איין דוגמא פֿון טבֿיהס אומגעווינטלעכער איבערגעגעבנקייט צו יידיש: ער האָט זיך באַטייליקט אינעם פּיקעטירן, אַפּריל 1970, דעם פֿאָרווערטס און טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, כּדי בײַ זיי צו פּועלן זיך צו דערהײַנטיקן און במילא אויפֿהערן זיך אַליין צו נעמען דאָס לעבן. זײַן באַליבט קלינגוואָרט בעת די דעמאָנסטראַציעס איז געווען „צײַט פֿאַר אַ בײַט".

ד"ר רחמיאל פּעלץ איז אַ געוועזענער תּלמיד פֿון אַ שלום־עליכם־שול אין ניו־יאָרק. אַלע מאָל איז ער געווען דאָס שײַנדל פֿון זײַן קלאַס (בײַ אסתּר קאָדער, ח. ש. קאַזדאַן, מרדכי שעכטער). אַן אויסשטודירטער ביאָלאָג, איז ער בלבֿ־ונפֿש איבערגעגעבן צו יידיש: אַן אַקטיווער חבֿר פֿון דער יוגנטרוף־באַוועגונג, דער שעף־רעדאַקטאָר פֿונעם זשורנאַל זייערן. להיפּוך צו אַזאַ סך אַנדערע אַבסאָלווענטן פֿון יידישע שולן איז ער יאָ אַקטיוו אין יידישן לעבן: אַן אַבאָנענט און לייענער ניט נאָר פֿון יוגנטרוף, נאָר אויך פֿון גאָלדענע קייט, יידישע שפּראַך, אויפֿן שוועל און אַ שטיצער פֿון יידישע קולטור־פֿאָרמעסטן (יידיש־פֿונדאַציע, ייִוואָ, טאָגשול, א"אַ). אַ קומער אויף יידישע אַסיפֿות, אויף יידישע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען, אין יידישן טעאַטער. אַ מענטש מיט איניציאַטיוו, אַן עמאָציאָנעל באַלאַנסירטער (אין אונדזער צעחושטער צײַט אַן אַלץ זעלטענער ווערנדיקער טיפּ). אַ בחור אַ מחיה.

בקיצור, ראָשי־פּרקימדיק, כאָטש — נאָך וועגן עטלעכע. הענע בערלינער — די אויסגעהאַלטן יידיש־רעדנדיקע און יידיש־לייענענדיקע סטודענטקע (ייִוואָ און קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט), פֿאַרלאָזלעך, פֿינקטלעך, לאָיאַל.

איציעלע גאָטעסמאַן — דער איבערגעגעבענער געוועזענער קאַפּיטאַן פֿונעם יידיש־רעדנדיקן קינדערקלוב ענגע־בענגע.

מלך גילבערט — דער שטילער, אָבער טיפֿער אוהבֿ־יידיש און טאַלאַנטירטער הומאָריסט.

לייב גרעצקי — דער אין מאַמע־לשון פֿאַרליבטער יידיש־לערער פֿונעם טעקסאַסער אוניווערסיטעט.

די יידיש־ענטוזיאַסטקע טובֿה בלום־דאָבקין (די טאָכטער פֿון אַ יידישן זעצער).

זשאַנעט האָדאַ — די פֿאָרשערין און לערערין פֿון יידישער ליטעראַטור (קווינז־קאָלעדזש).

שמואל־דוד ווײַס — דער ערשטקלאַסיקער יידיש־קענער, אַ פּראָדוקט פֿון דער חסידישער סבֿיבֿה.

ד"ר שעיה מאַלאָוו (שיקאַגאָ) — אַ פֿיזיקער פֿון פֿאַך און יידיש־יסט פֿון איבערצײַגונג. אַ געוועזענער תּלמיד פֿון ניו־יאָרקער יידישן

י. שטיינבוים (מיאַמי־ביטש)

# עטלעכע באַמערקונגען צום אַרויסגיין פֿון גרויסן ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך

בעת דער ערשטער באַנד פֿון גרויסן ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך איז נאָך געלעגן אין דער אַרבעט און קורץ נאָך דעם ווי אָט דער באַנד איז אַרויס — זײַנען פֿאָרגעקומען הייסע וויכּוחים וועגן דעם צי די רעדאַקציע וואָס די פֿאַרוואַלטונג האָט אויסגעקליבן גייט אויפֿן ריכטיקן דרך.

אַ צאָל אָנגעזעענע ייִדישע זשורנאַליסטן, ווי אויך אַ צאָל חשובֿע ייִדישע לינגוויסטן זײַנען אויף אָפֿענע זיצונגען און אין דער פּרעסע שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעם דרך, וואָס יודל מאַרק האָט פֿאַר זיך אויסגעקליבן אין מאַכן דעם ווערטערבוך. עטלעכע פֿון אָט די קריטיקערס האָבן אַ צײַט געדינט ווי קאָנסולטאַנטן און ווי מיטרעדאַקטאָרן און האָבן קורץ נאָכן וויכּוח רעזיגנירט צוליב אַ רייִ אומאויסשטימיקייטן מיטן רעדאַקטאָר. ווען מ׳האָט אָנגעפֿאַנגען די אַרבעט האָט די פֿאַרוואַלטונג פֿון ווערטערבוך זיך געשטעלט 1) צוויי עיקר־צילן: א) מאַכן אַלע נייטיק פֿאַרזוכן אַרויפֿצוציִען אַ דאָך איבערן בנין פֿון כּלל־ייִדיש און ב) מאַכן אַלע נייטיקע אָנשטרענגונגען כּדי דער ווערטערבוך זאָל פּובליקירט ווערן נאָך אין אונדזער צײַט, ווען עס לעבן נאָך מיט אונדז ייִדישע לינגוויסטן וואָס שטאַמען פֿון מיזרח־אייראָפּע.

צוליב די צוויי געשטעלטע צילן האָט די פֿאַרוואַלטונג — בײַ יעדן וויכּוח וועגן נוסח און גאַנג פֿון דער אַרבעט — תּמיד זיך געשטעלט אויפֿן צד פֿון רעדאַקטאָר, יודל מאַרק, אויך דער חתום־מטה, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער אַרבעט אין משך פֿון צוועלף יאָר, האָט אין שריפֿט און בעל־פּה זיך געשטעלט אויפֿן צד פֿונעם איינציק פֿאַרבליבענעם רעדאַקטאָר, ווען ער האָט געהאַלטן (און ווען ער האַלט נאָך איצט) ווי קאָמפּעטענט און געוויסנדיק און וואָס אָן אים וואָלט די גאַנצע אַרבעט פֿאַרווישט געוואָרן.

כאָטש איך האָב מאַרקן געגעבן גערעכט בײַ יעדער עפֿנטלעכער געלעגנהייט, האָב איך פּריוואָט (דורך געשריבענע מעמאָראַנדומס) אים אויסגעדריקט מײַן מיינונג, אַז אַ היפּשער טייל פֿון די אויסזעצונגען זײַנען באַרעכטיקט, אַז מע קען און מע טאָר זיי נישט אַרונטערוואַרפֿן אונטערן טיש און אַז מ׳דאַרף זיך מיט זיי רעכענען בײַם צוגרייטן די ווײַטערדיקע בענד. ווען מ׳איז שוין געשטאַנען טיף אין דער אַרבעט פֿון צווייטן באַנד, האָב איך מיט ווייטיק באַמערקט, אַז אויך אין דעם באַנד חזרן זיך איבער יענע פּרטים, וואָס האָבן

1) זע הקדמה צום ערשטן באַנד.

לערער־סעמינאַר. איינער פֿון די וועטעראַנען פֿון דער יוגנטרוף־באַוועגונג.

דוד מילער (סאַנטאַ־קרוז, קאַליפֿ׳) — דער סטודענט פֿון דײַטשישער ליטעראַטור, וואָס ער איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דער ייִדישער, און איז שוין דעם צווייטן זומער געקומען קיין ניו־יאָרק זיך לערנען אויף דער פּראָגראַם פֿאַר ייִדישער און קולטור א״נ אוריאל ווײַנרײַך.

משה מלאָטעק — דער וויצעפֿאָרזיצער פֿונעם ניו־יאָרקער סקיף.

י. נײַגרעשל — (דער זון פֿונעם פּאָעט מענדל נײַגרעשל). פּאָעט רעדאַקטאָר און איבערזעצער מיט אַ ברייט אַלגעמיין וויסן און אַ סובטילן שפּראַך־חוש אין עטלעכע לשונות.

יצחק ניבאָרסקי (בוענאָס־אײַרעס) — דער פֿעיִקער און סימפּאַטישער לערער, לעקטאָר און טוער, מיטאַרבעטער און בײַרעדאַקטאָר פֿונעם זשורנאַל יוגנטרוף.

שלמה לעווענשטיין — דער יונגער היסטאָריקער, וואָס ער איז געוואָרן אַ ספּעציאַליסט אויף מערבֿ־ייִדישע דיאַלעקטן. רעדט און שרײַבט גוט ייִדיש, כאָטש זײַן משפּחה איז אַ דײַטש־ייִדישע.

נעכע פּראַווער — אַ פֿײַנער פּראָדוקט פֿון אַ ייִדישער היים און ייִדיש־וועלטלעכער דערציִונג. יאָרן לאַנג אַן אַקטיווע און איבערגעגעבענע יוגנטרוף־אַקטיוויסטקע. איצט אין ירושלים.

מנחם סטאַניסלאַווסקי (האַרוואַרד־אוניווערסיטעט) — דער טיף ייִדישער און ציוניסטישער ייִדישיסט, אַ געבוירטיקער פֿון מאָנטרעאָל.

שבֿע צוקער — די ענערגישע פֿאָרזיצערין פֿונעם ניו־יאָרקער יוגנטרוף־קאָמיטעט, אַ תּלמידה אין ניו־יאָרקער ייִדישן לערער־סעמינאַר, אַ געבוירטיקע פֿון וויניפּעג (די טאָכטער פֿון אַ ייִדישן דרוקער).

רייזל קאַליפֿאָוויטש — אַן ענטוזיאַסטישע ייִדיש־סטודענטקע און — לערערקע (קודם אין באָסטאָן, איצט אין ניו־יאָרק).

פּנינה קאַנעקי — די זוכערין פֿון איר רומעניש־ייִדישן שורש, אַן אומגעווײנטלעכע מתמידה אין איר ייִדיש־לערנען (קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט).

דוד קאַץ (דער זון פֿונעם פּאָעט מעינקע קאַץ) — פֿירט אַ באמת באַהאַרצטן קאַמף פֿאַר אײַנפֿירן ייִדיש אין דער פֿלעטבושער ישיבֿה.

דינה ראָסקעס — די טאַלאַנטירטע ייִדישע טעאַטראַלקע, אַן אידעלע ייִדישע־טאָכטער און ייִדישיסטקע.

שׂרה־רחלע שעכטער — אַן אויסגעהאַלטענע ייִדישיסטקע פֿונם ייִנגסטן דור, מיט אַ קענטיקן בעלעטריסטישן טאַלאַנט.

אָט די רשימה לאָזט זיך גרינג פֿאַרלענגערן מיט נאָך עטלעכע צענדליקער נעמען פֿון פֿײַנע רעפּרעזענטאַנטן פֿונעם אונטערוואַקסנדיקן אָדער יונגן דור (צווישן 15 און 35). דער שרײַבער פֿון די שורות הערט אין זײַן דמיון שוין תּרעומות „למאַי האָסטו פֿאַרגעסן מײַן פּלימעניק? — ר׳איז דאָך אַן אבֿן־טובֿ אָדער פֿאַר וואָס האָט איר איגנאָרירט מײַן אייניקל — זי איז דאָך אַ מויד אַן אַנטיק — איר האָט געהערט וואָס איר לערער האָט וועגן איר געזאָגט״? סע גייט אונדז אָבער, געווײנטלעך, ניט אין אַ פֿולן „אינווענטאַר״ פֿונעם ייִדיש־נאָכוווּקס. אָט דער ווידערוווּקס איז טאַקע קליין, אָבער פֿאָרט לאָזט ער זיך, דאַנקען גאָט, ניט אַרײַנקוועטשן אין דער ראַם פֿון אַן אַרטיקל.

אוודאי קען אַ סקעפּטיקער טענהן „נו, וואָס, אַז ס׳איז דאָ צוואַנציק צי אַפֿילו נײַנציק ייִדיש־אָריענטירטע צי טאַקע ייִדיש־ענטוזיאַסטישע יונגע־לײַט און באמת ייִדיש־רעדנדיקע און ייִדיש־לייענענדיקע ייִדישע־טעכטער? מיר דאַרפֿן דאָך הונדערטער טויזנטער!״ איז דער תּירוץ: און ווען זיי, די עטלעכע הונדערט, זענען מיט 10־15 יאָר צוריק כּמעט אין גאַנצן ניט געווען, איז אונדז בעסער געווען? די פֿאַרשערין ליבע דאַווידאָוויטש האָט פֿאַר צוויי יאָרן געשאַצט, אַז אַן ערך פֿינעף טויזנט דערוואַקסענע לערנען זיך איצט ייִדיש אין צפֿון־אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן, קאָלעדזשן, צענטערס. איז אויב פֿון די 5000 זײַנען שוין אַרויסגעוואַקסן הונדערט צי צוויי הונדערט סאַמע „זעמלמעל״ און די צאָל וואַקסט דאָך אַצינד דראַמאַטיש, איז „אפֿשר, אולי, גאָט אַ פֿאָטער?״